


# קינדערישע זכרונות...

מען זעהט אפט אן אינטרעסאנטע ערשיינונג: אן ערוואקסענער מענטש באגעגנט זיך מיט א קליין קינד, און אט... עפעס אינעווייניג דארט לעבט אויף! ער אליינס פארשטייט אויך נישט וואס איז דא געשעהן מיט אים. ער – וואס שטענדיג איז ער אזא קאלטער און פארמאכטער פארשוין, ער גיבט קיינמאל נישט ארויס קיין ווארימע געפילן – אפילו צו זיינע נאנטסטע – זאל פלוצלינג ווערן אזוי אויפגעלאזט און איבערגענומען פון ווארימע געפילן?! ער קען נישט זאגן קיין פשט אין דעם, אבער ער זעהט אז עפעס ליגט דא א באהאלטענער סוד. אינ'אמת'ן איז עס אבער זייער פשוט: דא שטייט אן ערוואקסענער מענטש וועלכער האט שוין אויפגעגעבן אויף זיין אייגענע לעבן, ער איז שוין זאט פון דורכפעלער, ער איז שוין אן אפגעבריהטער, שוין מיד פון אנשטעלן א פנים, פון נארן יענעם און זיך זעלבסט, ער האט שוין נישט קיין כח צו פארזעצן דעם פאלשן לעבן אבער אויך נישט די כוחות צוריקצודרייען צום ארגינעלן לעבן. אבער ווי נאר עס באווייזט זיך דאס געזיכט פונעם קינד; ווי דאס ריינקייט און תמימות שפיגלט זיך אפ אויפן פנים, דאס אמת'דיגקייט און נאטורליכקייט שרייעט מער ווי טויזנט ווערטער, די פרישקייט און לעבעדיגקייט פראלען ארויס פון די צוויי שיינענדע אויגן – באלד גיבט זיך דער אלטיטשקער א בייג איין צום קינד און נעמט אים נאנט צו זיך; עס קומט פאר ווי א מענטש וואס גייט אין הייסן מדבר, ער איז שטערבליך דארשטיג, זיין צונג קלעבט שוין צום גומען, פלוצלינג טרעפט ער אן א קוואל, ספאנטאן בייגט ער זיך איין צום קוואל און כאפט א טרינק פרישע וואסער און לעבט אויף. אט אזוי זעהט אויס דער ערוואקסענער, ער בייגט זיך איין צום קוואל פון שפרודלדיגע 'לעבן' וועלכע קוועלט פון דעם לויטערן קינדערישן הארץ און דערקוויקט זיין אויסגעטרוקענטע און אויסגעלאשענע זעהל...

דאס קינד פון זיין זייט איז דערשראקן, ער ווייסט נישט וואס דער מענטש וויל פון אים. פארוואס האט זיך דער דאזיגער "טאטע" פלוצלינג איינגעבויגן – ווי א טורעם וואס האט זיך צאמגעלייגט אין צווייען – און זיך אראפגעלאזט ביז צו אים? וואס האט דא פלוצלינג אזוי שטארק צולאזט זיין הארץ ביז צו זיין אזוי איידל און ווייך? די צוקראכטע פינגער וועלכע זענען שוין אויסגעמוטשעט פון פארצוזעצן דעם לעבנס געראנגל – קניפן דעם פרישן און צארטן בעקעלע און א נאטורליכע שמייכל שפרייט זיך אויס אויף די טרוקענע ליפן. דער דאזיגער שמייכל שווימט ארויף פון גאר טיפע און אינערליכע פלעצער אינעם נפש. א פלייץ פון בענקענדע געפילן באהערשן אים, ער שפירט ווי ער ווערט גענצליך איבערגענומען פון ערשטוינונג זעהנדיג פאר זיך אזא ריינקייט און אמת'דיגקייט – וועלכע ווייסט בכלל נישט פון קיין ליגנט. ער ווערט צוגעצויגן צו אן איידעלע לויטערקייט וועלכע שוועבט זיך נאך אין איר אייגענע וועלטל. דאס איז א קריגעלע ריינע אויל וועלכע איז נאכנישט באריכט געווארן. א פלאם פון 'לעבן' וועלכע טליעט נאך פון זיך אליינס, עס שיינט און לייכט נאך און איז נאכנישט געווארן אויסגעלאשן אדער פארהוילן. אפילו טאמער ער איז יעצט אנגעצויגן און נערוועז, ער האט נישט קיין נערוועז צו קיינעם, פונדעסטוועגן דאך וועט ער זיך פרייען צו שפילן מיטן קינד, דאס פאדערט נישט קיין נערוועז פון אים, פארקערט, דאס גיבט אים אריין א לעבנס לוסט, ער ווערט אנגעשטעקט פונעם קינדערישן ענטוזיאזם וועלכע לעבט און פלאקערט נאך אין אים.

עס איז באקאנט דאס ווארט פונעם בעל שם טוב זי"ע אויף די משנה: **"כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו"** – אלע פראבלעמען וואס א מענטש זעהט ביי א צווייטן, זענען עכט זיינע אייגענע פראבלעמען. יענער איז נאר א שפיגל וועלכע שפיגלט אפ זיינע חסרונות, ווייל טאמער וואלט ער נישט געהאט גארנישט פון דעם דאזיגן פראבלעם, וואלט ער עס נישט געקענט באמערקן ביי יענעם. דער דאזיגער יסוד פונעם בעל שם טוב איז אויך גילטיג אויף א פאזיטיווע אופן: יעדע מעלה וואס א מענטש באמערקט ביי יענעם, איז א ראיה אז ער זעלבסט באזיצט אויך די דאזיגע מעלה, ווייל טאמער וואלט ער נישט געהאט גארנישט פון די דאזיגע מעלה, וואלט ער עס נישט געקענט באמערקן אויף יענעם. דאס וואס דער ערוואקסענער ווערט אזוי אנטציקט פונעם נאטורליכן אמת וואס ער זעהט ביים קינד, דאס ווייזט אז ער אליינס האט אין זיך אינעווייניג א קינד, א נאטורליכער לעבעדיגער קינד, וועלכע באזיצט אקוראט אט דעם דאזיגן ריינקייט וואס דער קינד פארנט פון זיינע אויגן באזיצט, וואס אייגנטליך איז ער נישט מער ווי א ליכטיגע שפיגל אפצושפיגלען דאס וואס עס טוט זיך טיף טיף אין זיין הארץ. ווייל טאמער וואלט ווען דער ערוואקסענער גענצליך געהאט אויסגעוואקסן דעם ריינעם קינדערישקייט, דאן וואלט אוממעגליך געווען פאר אים צו מערקן און הנאה האבן פונעם קינד, ער וואלט נישט געהאט קיין שייכות דערמיט און ער וואלט זיך געשעמט פון זיך זעלבסט צו שפילן מיט א קליין קינד. דאס אז ער פריידט זיך אזוי צום קינד איז דער גרעסטער סימן אז אינעם קינד שפיגלט זיך אפ זיין ארגינעלע וועזן וואס דעריבער ווערט ער פארפלייצט פון בענקענדע און ליבליכע געפילן צום קינד – דאס הייסט, צו זיך אליינס, צו זיין אייגענע קינד. נאר טאמער איז ער נישט קיין בעל מחשבה, ער פארטיפט זיך נישט אין זיך זעלבסט צו פארשטיין פון וואנעט זיינע געפילן שטאמען, דאן וועט ער אפילו נישט וויסן דערוועגן, ער כאפט נישט אויף וואס דא טוט זיך מיט אים. אבער דערווירקליכער מציאות איז אז ער דערקוויקט זיך נישט מיט קיינעם אויסער מיט זיך אליינס.

זיין אינערליכע קינד, שלאפט דארטן אינעם פינסטערן צעל וואו מען האט אים אריינגעשטופט אן קיין רחמנות, ער זיצט דארטן מיט געקייטעלטע הענט, הונגעריג און דארשטיג, ווארטנדיג צו זיין דאס וואס ער איז עכט. שוין יארן לאנג וואס ער ווײנט מיט א שטומע געוויין אויף דעם וואס "איך בין נישט איך". שוין יארן לאנג וואס ער קרעכצט "איך בין א יענער". "איך בין דאס וואס יענער קוקט ארויף". נו, וויאזוי זאל ער נישט כאפן א ציטער, ווען פלוצלינג קוקט ער ארויס פון זיין צעל און דערזעהט שטיין קעגן זיך א צארטע און לויטערע אינגעלע וועלכע שפיגלט אים אפ אקוראט. פונקט ווי א איד וועלכע שמאכטעט שוין יארן לאנג אין טורמע ערגעצוואו אין יאפאן צווישן גוים, קיינער אויף דער וועלט ווייסט נישט פון אים און קיינער שתדל'ט נישט פאר זיין וואוילזיין. ער איז אזוי פארווארפן און פארקלאפט אזש אז ער האט זיך שוין כמעט ווי מייאש געווען פון זעהן אמאל דעם שיין פון זון. איין שיינעם טאג ארויסקוקנדיג פונעם קליינעם פענסטערל אין זיין טורמע צעל דערזעהט ער פלוצלינג א איד מיט בארד און פיאות וועלכער שטייט און קוקט אויף אים. וויפיל האפענונג און חשק בלאזט דאס אריין אין אים צו ווען ארויסגיין אויף דער פריי, די חילוק וועלכע איז אנשטאנען אין אים פון א מינוט פריער ביז א מינוט שפעטער איז גאר ווייט, די צורה פון יענעם איד האט אויפגעוועקט באהאלטענע פארשלאפענע סטרונעס אין זיין הארץ, וועלכע וועט זיך שוין נישט אזוי שנעל בארואיגן. אט דאס זעלביגע געשעהט דא אין אונזער פאל ווען דער ערוואקסענער זעהט דעם קינד קעגן איבער אים, דאס וועקט אויף א באהאלטענע 'קינד' וועלכע שלאפט אין זיין הארץ. דער דאזיגער 'קינד' וועט זיך שוין נישט אזוי שנעל בארואיגן, ער וועט יעצט נודזשען און דערקוטשען מיט א געבעט פאר 'פרייהייט', א געבעט פאר 'לעבן'.

און דו הויכגעשעצטע טאטע/זיידע – וועלכע דינט יעדן איינעם אויסער זיך זעלבסט – ביזטו ווייטער צופיל פארנומען מיט יענעם – אנשטאט צו זיין פארנומען מיט דיר אליינס! דו שמייכלסט צום קינד/אייניקל – אנשטאט צו שענקן א שמייכל צו דיר אליינס! דו ביסט מחשיב דעם קינד/אייניקל – אנשטאט צו מחשיב זיין דיין אייגענע

אינערליכע 'קינד'! אנשטאט דו זאלסט זיך שוין כאפן און אנהייבן זיין דאס וואס דו ביזט עכט, זיין א קינד, זיין ארגינאל און אמת'דיג – ביסטו פארנומען צו שטילן דיין געוויסנביסן מיטן גלעטן און צערטלען דעם קינד/אייניקל! לאז שוין דיין אייגענע קינד ארויסקומען פון טורמע! לאז אים שוין וויינען – דורך דיר – זיין געוויין! לאז אים שוין לאכן – דורך דיר – זיין געלעכטער! לאז אים שוין אראפלאזן – דורך דיינע אויגן – זיינע טרערן! לאז אים שוין שווייגן – דורך דיר – זיין שטילשווייגעניש! לאז אים שוין ארויסרעדן – דורך דיין מויל – זיינע ווערטער! לאז אים שוין טון – דורך דיינע הענט – זיינע פעולות! פארדעכטיג אים נישט, ער וועט דיר נישט פארפירן! ער איז דאך א 'איד'! ער איז דאך דיין עכטע 'איך'! ער איז זייער גוט! ער איז אן ערליכער און א פיינער! א ריינער און לויטערער! א זיסער און שיינער! א ליכטיגער און דערהויבענער!

הייב אויף דיין אינערליכע קינד, און זיי אים! בעט אים איבער אויף די פילע יארן וואס דו האסט אים איגנארירט און צוטראטן. דו האסט געזוכט צו דערשטיקן זיין איידעלע שטימע, אבער דו האסט נישט געקענט פטור ווערן פון אים, שטענדיג האט ער באוויזן צו רודערן אין דיר. די אלע אינערליכע קאנפליקטן און אומצופרידנקייטן – פון וואס דו האסט געליטן אלע דיינע יארן – זענען אלע געקומען פון אים! ער איז געוועזן דער וואס האט גערודערט און פארפירט אין דיר! ער האט געשוימט און געצערנט איבער דאס לעבן וואס מען נעמט צו פון אים; ווי א פויגל וועלכע שלאגט מיט אירע פליגלען דעם כאפער וואס האט איר געפאנגען און נעמט איר צו איר פרייהייט.

עס פעלט נישט אויס צו זוכן קינדער אינדרויסן, צו בענקן צו עפעס וואס באלאנגט נישט צו דיר, צו עפעס וואס רוקט זיך אוועק פון דיר. דו האסט עס אין דיר! ווער צוריק היימיש מיט דיר אליינס! הייב זיך אן באפריינדן מיט דיר זעלבסט! טרעף אין דיין לעבן דיין אמת'ע טעם! דיין תמימות'דיגע שמחת חיים! די זאכן וואס מאכן דיר פונקט אזוי גליקליך ווי דאס זארגלאזע קינד! לעב דיין לעבן! אינערליכע קינד, זיי דאס וואס דו ביסט! דערנענטער זיך שוין צו דיין חלק אין תורה – זאל עס זיין וואס אימער – אבי עס איז דיינס! זיי שוין מקיים די מצוות מיט דיין נאטורליכע געפיל – זאל עס זיין וואס אימער – אבי עס איז דיינס! שעם זיך נישט און דערשרעק זיך נישט! דו ביסט גערעכט! האב נישט קיין מורא! וויין ווען עס טוט דיר וויי און לאך ווען עס פריידט דיר. לייג צו הארץ צו וואס דו גייסט דורך, גיב עס ווערטער און זאג עס ארויס. זינג די מעלאדיע וואס דיין הארץ זינגט, אן איינפאכע געזאנג וועלכע ענדיגט זיך קיינמאל. א מעלאדיע וועלכע דרוקט אויס דעם קלאנג וואס דיין הארץ וויל ארויסגעבן. עס איז קיינמאל נישט צו שפעט, עס איז קיינמאל נישט פארשפארט. אטעם דיין אטעם – **"נר ה' נשמת אדם"**.

*

די אינערליכע 'קינד' פון א מענטש שרייט און לעכצט נאך די ריינע אמת, עס בארואיגט זיך נישט ווילאנג עס שפירט נישט א קלארע, פונקטליכע און ריכטיגע אמת. דעריבער טרעפט נישט א איד קיין מנוחה נאר ווען ער היט תורה און מצוות, וויבאלד דאס איז די גרעסטע אמת וואס איז פארהאן אין די בריאה, די פונקטליכסטע און מערסטע סטאביליזירטע זאך וועלכע טוישט זיך קיינמאל נישט. ווידעראום פארקערט, יעדע זאך וועלכע איז זיך סותר צו תורה, איז עס די גרעסטע שקר און אויג פארבלענדעניש אויף דער וועלט, די הוילסטע פאנטאזיע וועלכע איז נאר פארהאן. דעריבער וועט יעדע מינדעסטע אפנויג פון תורה – אפילו נאר פון א לייכטע איסור דרבנן – ברענגן פארן מענטש אינערליכע שווערע געפילן. דאס איז דערפאר וואס דער אינערליכער 'קינד', די תמימות און ריינקייט, די אינערליכע הונגער נאך א פונקטליכע און אויסגעהאלטענע אמת – שפירט גאר גוט אין וועלכע בלאף ער איז דא אריינגעפאלן. ער שפירט באלד ווי ער האט פארלוירן די נאנטקייט צום קוואל פון רואיגקייט און אמת. ווי גייט נאר דער לאזונג? א קינד קען מען נישט אויספאפן!

די תורה דאס איז די פאקט פון וועלט! דאס איז די 'בלו-פרינט' פון די בריאה! דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט דורך די תורה! דעריבער איז אלץ וואס איז דא אין וועלט א שטיק תורה! די תורה איז די איינציגסטע אמת פון יעדע זאך! בלויז דאס איז די חיות פון די זאך! אזוי אויך ווערט געברענגט אין ספרים: "אין די תורה איז פארהאן זעקס הונדערט טויזנט אותיות – אנטקעגן די זעקס הונדערט טויזנט אידישע נשמות. יעדער איד האט איין אות אין די תורה וועלכע איז ספעציעל זיין אות!". די שורש פון וואנעט יעדע נשמה באזונדער שטאמט, איר גאנצע וועזן און כאראקטער, איז אלעס פון איר באזונדערע אות! פון דעם 'אות' באשטייט דער אינערליכער געפיל וואס די נשמה ווייסט ביי זיך: איך פיהל וואס דער אויבערשטער וויל פון מיר! צוליב וואס האט ער מיר באשאפן אויף דער וועלט! צוליב וואס האט ער מיר אויסגעשטעלט אויף דעם סארט פארעם – ווי איך בין – נישט ווי יענעם! דאס איז אן 'אות', א צייכן צווישן מיר מיטן אויבערשטן, קיינער אין דער וועלט האט נישט קיין השגה אין אונזער געמיינזאמע סוד!

א איד שטייט אויף אינדערפריה און זאגט: **"אלוקי, נשמה שנתת בי טהורה היא!** באשעפער! דו האסט מיר אריינגעגעבן א ריינע נשמה! א נשמה וואס איז נאטורליך און ארגינאל! א נשמה וואס אנטפלעקט דיין געטליכקייט אויף דער וועלט! א נשמה וואס איז א לויטערע קוואל פון שפרודלדיגע 'לעבן'! טאטע! איך בעט דיר, העלף מיר בלייבן אמת'דיג! פארוואס זאל איך אוועקגיין פון מיר אליינס? פארוואס זאל איך איבערלאזן מיין אייגענע 'אות' אין תורה און גיין זיך צוטשעפן צו פרעמדע 'אותיות'? וואספארא סארט לעבן איז דאס? עס קוקט טאקע אויס ווי איך וואקס און בליה – אבער אינ'אמת'ן איז עס נישט מער ווי אן אויג פארבלענדעניש! איך ווער אפגעריסן פון מיין עכטע שורש! איך ווער דערווייטערט פון מיין אייגענע אות אין תורה! איך בין פונקט ווי א ערליכע רויז וואס מען האט עס אפגעריסן פון דער ערד און אריינגעלייגט אין א הערליכע זילבערנע בלומען וואזע. עס איז טאקע זייער שיין, אסאך שענער ווי ער איז געווען אין פעלד באהאפטן צו זיין שורש, אבער גיב עס עטליכע טעג און דער רויז טרוקנט אפ און עס בלייבט גארנישט פון אים... וויי צו אזא שיינקייט וועלכע איז נישט אויף איר ריכטיגע פלאץ. טאטע! העלף מיר בלייבן באהאפטן צו מיין שורש! באהיט מיר פון פאשען אין פרעמדע פעלדער! **ואתה משמרה בקרבי!**".

*

טייערע ערוואקסענע לייענער! דו ביסט טאקע שוין ערוואקסן, ברוך השם! אזוי דארף טאקע צו זיין, מען מוז ווערן ערצויגן און ערוואקסן, מען קען נישט בלייבן א 'פרא אדם', מען מוז נתחנך ווערן צו תורה, מצוות און מענטשליכקייט. אבער יעצט אז דו ביסט שוין גענוג גרויס, דו ביסט שוין א מענטש וואס שטייט אויף די אייגענע צוויי פוס, איז שוין העכסט צייט ארויסצונעמען דיין געוואונטשענע קינדערישקייט פון די אינערליכע קעמערלעך און אנהייבן לעבן דערמיט ווי אן ערוואקסענער. לעבן מיט זיין/דיין אמת'דיגקייט. דו ביסט שוין גענוג ערוואקסן צו שפירן דיין אייגענע ווילן און אחריות צו זיין אן ערליכער און מענטשליכער איד – אנע דעם וואס עס זאל זיין געבויעט אויף די פרעשור פון "וואס וועט יענער זאגן?". דו ביסט שוין גענוג מחונך'דיג צו אנהייבן לעבן א נשמה'דיגע אידישקייט – נישט א נפש הבהמי'דיגע אידישקייט, וועלכע איז געבויעט אויף קנאה, תאוה און כבוד.

הייב זיך אן באנוצן מיט דיינע נאטורליכע קינדערישע אייגנשאפטן ווי: "נייגעריגקייט" – אינטערעסע אויסצוגעפונען נאך עפעס א ידיעה אין תורה און אידישקייט. "פרישקייט" – יעדן טאג פונדאסניי, עס איז נישט קיין פארזעצונג פון נעכטן. "תמימות" – מאכט נישט קיין ווייטע חשבונות, טראכט נישט קיין איבריגע מחשבות, נאר וואס עס פעלט אויס אויף יעצט און געגאנגען ווייטער. "הכנעה" – ווייסט אז עס איז פארהאן גרעסערע פון אים, גלייבט אין זיי, פרעגט זיי און הארכט זיי. "פשטות" – לעבט זיך מיט וואס ער האט יא און זוכט נישט קיין גרויסע השגות וועלכע געפונען זיך נישט אין זיין ווועלטל. "אמת" – זיין מויל און הארץ זענען גלייך, זאגט וואס ער טראכט און שפירט, לאזט זיינע געפילן ארויסקומען אינדרויסן. "שמחה און ענוה" – פריידט זיך מיט זיין חלק, געניסט פון יעדע קלייניקייט, אן קרעכצן אז יענער האט מער פון אים, אדער זיך גרויסהאלטן אז יענער האט ווייניגער פון אים.

אין לשון הקודש ווערט א קינד אנגערופן מיטן נאמען: "ילד". דאס איז א לשון פון 'געבוירן'. דאס באדייט אז דאס קינד וועלכע ליגט אין יעדן מענטש, איז א כח פון שפירן א גאנצן צייט ווי מען ווערט יעצט געבוירן! א פרישע התחדשות יעדע רגע! דאס 'קינד' שפירט ווי יעדע רגע איז א באזונדערע זאך פאר זיך, ניי, פריש, נאטורליך, איך בין יעצט געבוירן געווארן! עס איז נישטא קיין היסטאריע! עס איז נישטא קיין מארגן! עס איז נאר דא די איצטיגע מינוט! דאס 'קינד' – איז די אינערליכע וועזן אינעם מענטש וועלכע ווערט קיינמאל נישט אלט, ווייל עס באנייט זיך אן אויפהער! פונקט ווי אינעם הייליגסטן און אינערליכסטן פלאץ אין בית המקדש, דער קודש הקדשים – איז געווען דארט א פנים פון א 'קינד', אזוי אויך ביי יעדן איד פערזענליך, אין זיין הייליגסטע און אינערליכסטע פלאץ אין נפש איז דארט פארהאן א 'קינד' וואס דאס איז די ריינסטע נקודה פונעם איד: "קודש הקדשים"!

שטייענדיג אין די שבעה דנחמתא, זיבן וואכן וואס דער אויבערשטער טרייסט כלל ישראל, קלינגט אונז אין די אויערן די זיסע רייד פונעם געטליכן נביא זכריה וועלכע זאגט פאראויס א הערליכע צוקונפט פאר כלל ישראל: **"כה אמר ה' צבאות, עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים ואיש משענתו בידו מרוב ימים. ורחובות העיר ימלאו ילדים וילדות משחקים ברחובותיה"**. אין אידישע איבערזעצונג: "עס וועט נאך קומען א צייט, עס וועלן זיצן זיידעס און באבעס אין די גאסן פון ירושלים, אנגעשפארט אויפן שטעקן, און די גאסן פון שטאט וועלן זיין פיל מיט אינגעלעך און מיידעלעך וואס וועלן זיך שפילן אויפן גאס". דער נבואה האט צו זיך אן אינערליכע באדייט: די אלטע זיידעס און באבעס וועלן זיצן אויף די בענק אין פארק – מיטן זעלבן נאטורליכקייט און פרישקייט ווי די קינדערלעך וועלכע וועלן ארומלויפן און זיך שפילן לעבעדיג! ווייל תחיית המתים וועט זיין נישט נאר אויף די טויטע פון בית הקברות – נאר אויך אויף די טויטע פון בית המדרש... דאס 'קינד' וועלכע איז שוין ווי כמעט אפגעשטארבן, וועט אויפשטיין תחיית המתים און לעבן א לעבן! אן עכטע לעבן – באהאפטן צום שורש! א געשמאקע לעבן – פול מיט חיות און אמת! **"וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך"**.

להערות והארות, וכן לקבלת הגליון, התקשרו להמערכת באי-מעיל neshomakim@gmail.com